קטעי עתונות
אלגעמיינער זשורנאל
ניו יורק, ארה"ב
4 מרץ 1988

228

די לאגע אין ישראל און אירע פירער

פון **לוסי פערגאַמענט**

לוי אשכל

אבא איבן

וואָס עס באַאומרואיקט די עכטע אינטעלעקטואַלן אין ישראל איז ניט דער אויסערלעכער אימעדזש פון דער מדינה, "דאָס, — זאָגן זיי — וועלן מיר בייקומען". וואָס עס באַאומרואיקט זיי גאָר שטאַרק, איז דער אינעווייניקסטער אימעדזש און צושטאַנד פון דער ישראל־געזעלשאַפט.

און פון וואַנען האָט זיך טאַקע גענומען אָט די הפקר'דיקע "סומאטאָכע" פון ישראל'דיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן, מיט די בעזבאַדשנע פריידענקערדיקע פאָלקס פארטרעטער און מדינה־צעשטערער?

דער ענטפער איז, פאַרשטענדלעך, איינער: חינוך! ווי יעדער אָנשטענדיקער מענטש און בעיקר, סאָלידער איד ווייס, אז דער גרונט־באַזיס אין יעדער נאָרמאַלער געזעלשאַפט, פון יעדער דערציאונג, דאָס גרונט־קעמערל, וואָס שאַפט דעם געוועב פון מענטשלעכן לעבן־משפחה, פאָלק און מענטשהייט — איז דאָס נעמען אויף זיך דעם עול פון די אָנגענומענע מענטשלעכע מצוות. ביי אונדז אידן דינען דאָס די מצוות פון דער תורה. אין באַזיס פון מענטשלעכן און איבערהויפּט פון אידישן לעבן מוז ליגן דער כלל, דאָס געבאָט: "את אלוקים ירא ואת מצוותיו שמור, כי זה כל האדם!". א הייליק מענטשלעכן כלל, וועלכן די "פריידייטסט־קעמפער" פאַרדאַמען און טרעטן מיט די פיס. און אָט די דאָזיקע פריידענקער דינען עס געוועזן די הויפּט־דערציער אין דער ישראל־דיקער "סאָציאַליסטישער" געזעלשאַפט. וואָס האָבן ניט פאַרשטאַנען, אז צעלאָזנדיק די אינסטינקטן און תאוות, פאַרלירט דער מענטש זיין פרייהייט און אז, דאַקעגן, טרענדיק גוטס, דיענדיק אָרטלעך, נעמענדיק אויף זיך דעם עול המצוות, דריקט אויס דערמיט דער מענטש זיין אמת'ע פרייהייט. פאַרווירקלעכנדיק דערמיט זיין חופש הבחירה. אָט טאַקע אין דעם דאָזיקן פונקט איז פאַרוויקלט דער גאַנצער חינוך צו אידישער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג.

בלויז ווייניקע (ליידער!) פון די ישראל'דיקע אינטעלעקטואַלן און וויסנשאַפטלער, באַצייכענען מיט גרויס זאָרג און צער דעם פאַקט, אז "אונדזער יוגנט, די געלערנטע, די געבילדעטע, סאָפיסטיצירטע, פאַרמאָגן אבסאָלוט נישט דעם גרויסן עיקר: דעם אידיש־ציוניסטיש געזעלשאַפטלעכן חינוך!" די הלבע זאָרגפולע קריטיקער ווייסן אויך ניט, וואָס פאַרא טעם עס קאָן האָבן א חינוך, בעת א לערער קומט אריין אין זיין קלאַס קומענדיק פון א לאַנגן שטרייק...

און נאָך אָן אומפאַרגעבלעכן חטא, וואָס די ישראל'דיקע אזוי גערופענע מחנכים דינען באַגאַנגען לגבי זייערע שילער (ווי אויך די עלטערן — לגבי זייערע קינדער) איז, וואָס אידישקייט איז בכלל ניט גענומען געוואָרן אין אכט, אין דער צייט, וואָס זייער לעבנס־אויפגאַבע האָט געמוזט זיין, ארויסצוהייבן אידישקייט אין חינוך אויפן אויבנאָן, אין אָנבליק פון דעם אלגעמיינעם אידישן קיום אויף דער וועלט, וואָס ווערט פערמאַנענט באַדראָט (בכל דור ודור...). אפילו נאָכן גרויסן אידישן חורבן אין אייראָפּע און מיטן אויפשטיין אויף אירע חורבות פון מדינת ישראל, איז ניט באַפאָר־צוגט געוואָרן אין דער ישראל־דיקער דערציאונגס־נעץ די איבערצייגונג און באַוואוסטזיין, אז די ווייטער עקזיסטענץ פון אידישן פאָלק איז מחוייב צו פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם בשלימות: עם ישראל כולו בארץ ישראל כולה, מיטן טיפן גלויבן, אז דער קיום פון עם ישראל האָט די אבסאָלוטע גילטיקייט פון קדושה. און אז ציוניזם הייסט, "בעת די הייליקייט פון איינצלנעם אידן ווערט באַהעפטיקט מיט דער הייליקייט פונעם פאָלק ישראל און ווען די ביידע ווערן דורכגע־פלאָכטן איינס מיטן אנדערן און אזוי ארום דינען זיי מקיים איינער דעם אנדערן" — לויט דער דעפיניציע פון גרויסן נאַציאָנאַלן ישראל־שרייבער משה שמיר.

און לאָמיר זען וואָס ס'איז פאַקטיש אָנגעגאַנגען אין חינוך־וועזן פאַר די 60 יאָר מפא"י־אישער דיקטאַטאָרישער העגעמאָניע אין ישראל מיט זייער ריזיקער השפעה ווי אויך איבער גאָר ברייטע מאַסן פון אמעריקאַנער אידנטום און אנדערע גלות'ן?

דער צווייטער דור, פון וואָס ס'איז באַשטאַנען די ישראל־יוגנט. די קינדער פון די "אבות המייסדים" — פון די חלוצים פון דער 2־טער און 3־טער עליה ווינען שוין אין די צוואַנציקער יאָרן אורעק מאַסנווייז פון חלוציש לעבן אין די זייך בריענדיקע שטעג. זיך איינגעאָרדנט אלס באַאמטע אין די זייך אָרגאַניזירנדיקע ציוניסטיש־מאַנדאַטאָרישע און הסתדרות'ישע אנשטאַלטן, גע־לערנט אין די שולן און די הויכשולן קאַריערסטישע פאַכן (שפראַכן, מאַטעמאַטיקס, פּי־זיקס), אינגאַנצן אויסגעשיילט פון אידישקייט און ציוניזם און זיינען ארויס מענטשן מיט א "צוויי־פּנים'דיק" באַוואוסטזיין: פרעדיקנדיק חלוציזם און ציוניזם און פאַרווירקלעכנדיק — קאַריעריזם: אידישקייט און אידיש איז גלייך ארויסגעשטויסן געוואָרן פון דעם ציוניסטיש־סאָציאַליס־טישן סיסטעם און אידיש איז געוואָרן גלייך "מוקצה" אלס געטאָ־סימפּטאָם הס מלהזכיר (און שפּעטער אפילו ברוטאַל באַ־קעמפט געוואָרן...).

די אַמאָלסטדיקע אינטעלי־גענץ איז ארויס אין לעבן גייסטיק פּוסט, אויסגעליידיקט, פלאַך און קאָנפאָרמיסטיש, ניט זייענדיק פעאיק צו שאַפן אייגענע אומ־אָפּהענגיקע, מאָטיווירטע לעבנס־אָנשויאונגען. בעת דער לאַנגער שאָטן פון זייערע ראָמאַנטיש־אידעאַליסטישע עלטערן, וואָס האָבן באַוויזן אָפּצושמעקן פון די חדרים, ישיבות און שפּעטער פון דער רוסישער רעוואָלוציע, טונקלט איבער זיי, און זיי פאָלגן נאָך געטריי און בלינד די עלטערנס אידייען, ווענגן און מעטאָדן.

גאָר ווייניק ישראלים האָבן באַנומען דעם מצב, אז עס שאַפט זיך א דור, וואָס וועט ניט זיין בכוח ווייטער צו פירן דאָס גרויסע אידעאַליסטישע ווערק, וואָס דער דור המייסדים האָט פאַרלייגט און אויך איבערגענומען פון זיי די מאַכט.

די אומבאַגרענעצטע טריי־שאַפט, אָבער, מצד דעם צווייטן דור צו זיינע עלטערן, האָט פאַרוואַנדלט זייער לעבן אין קודש למלחמות ישראל און טראָגן אלע פעלערן און נעגאַטיוון איז־דער־דור זוכה־געווען פאַרשריבן צו ווערן אין דער אידישער געשיכטע אלס דער "דילבעתער טאָג" אויף וועלכן עס איז דעם אידישן פאָלק צוגעטראָגן געוואָרן די אויסגע־טרוימטע מדינת ישראל.

די צוויי־פּנים'דיקע דערציאונג. די אידישקייטס־לאָזיקייט און די רעוואָלוציאָנערע־סאָציאַליסטישע באַנקראָטירטע, דעקונגסלאָזע אידייען האָבן זיך אָבער באַוויזן טיף איינצוזויגן און שפּעטער אויפגעקומענעם עסטאַבלישמענט און אין די רייען פון דער גיגאַנטישער הסתדרות, איבער וועמען עס האָט דאָמינירט און געוועלטיקט די הכל־יכול'דיקע "היסטאָרישע מפא"י". וואָס איז אנטשטאַנען שוין דאַן אין די צוואַנציקער יאָרן, בעת דער מאַסן־אַנטלויפעניש פון די פיזיש־אַרבעטנדיקע קבוצים און מושבים, ציענדיק, אָבער, די אויטאָריטעט און לעגיטימאַציע פון חלוצישן אימעדזש און דינען טראָגן אלעם אידענטיפיצירט געוואָרן מיטן חלוצישן ווערק, און שפּעטער אוודאי מיט דער אנשטייאונג פון דער מדינה.

ווי באַקאַנט, איז דער דער־מאָנטער צווייטער דור, דער שטאָטישער, דער עקס־חלוצישער ביוראָקראַטן־קלאַס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם מלוכה'שן איבערגעפּלייצטן "פּקידאָסטאַן" (לויטן "מעריב" רעדאַקטאָר עזריאל קארליבאך ז"ל), דער טעכנאָקראַטישער ביוראָקראַטן־אַפּאַראַט, אונטער דער מפא"י־אישער דיקטאַטאָרישער העגעמאָ־ניע. דאָס איז געשען איבערהויפּט אין די צייטן ווען עס זיינען אין די מפא"י־אישע הענט קאָנצענטרירט געוואָרן די ריזיקע אומקאָנטראָלירטע רעסורסן און געלט־סומעס פאַר אויפשטעלן די ישראל'דיקע זידלונגען, אנטוויקלונגס־ראַיאָנען און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. זיי האָבן געדרייט די ווירטשאַפטס־ראָד און געוואָרן די באַשטימער פון אלע געזעל־שאַפטלעכע פּראָצעסן, ווערטן, נאָרמעס, דינאַמיק און אויפפירונג. — אָט דאָס גענויע בילד וואָס מיר זעען הײַנט...

אנשטאָט א באַשיידענעם אידישלעכן לעבנס־אַרט, איז זיך צעוואַקסן אן ארויסרופעריש לוקסוס־לעבן פון פאַרשווענדע־רישקייט און הולטאַיסטווע אויפן חשבון פון דער קהל'ישער מלוכה־קאַסע — א דערשיינונג וואָס איז געשטאַנען אין גוואַלדיקן קעגנזאַץ צום דעקלארירטן חלוציזם און ציוניזם. (וואָס האָט טראָגן אלעם דאָך ניט אויפגעהערט צו דינען די אלס אויסערלעכע פאָן...) לוי אשכול ז"ל איז פּאָפּולער געוואָרן מיט צוויי חכמה'לעך: "חצי תה, חצי קפה"... און "אל תחסום שור בדישו". און עס האָט זיך געפירט א מלוכה צו הפקרות און פאַרדאַרבנקייט, ווייל פון דאַנען ביי די העסלעכסטע דערשיינונגען און פרשיות פון מיכאל צור, אשר יאַדלין און פיל פיל אנדערע (און א סך ערגערע!), איז שוין דער וועג געווען א קאַצן־שפּרונג...

די ענגע קאָאָפעראַציע פון די "אבות המייסדים" מיטן ביוראָקראַטיש־הפקר'דיקן ריזיקן אומגעלומפּערטן אַפּאַראַט, די דאָזיקע פון אומבאַגרענעצטער שררה פאַרשיכורטער אָנפירער־שאַפט, האָט נישט אינטעגרירט די נייע מאַסן עליה, נישט באַנומען די געזעלשאַפטלעכע און דעמאָקראַ־טישע אנטוויקלונגען. איבער־הויפּט פון די פאַרנאַכלעסיקטע און פאַרשטויסענע אויפקומענ־דיקע מזרח־עדות. ביז דער הילכיקער רעוואָלט־געשריי פאַר גלייכבאַרעכטיקונג (ווי אין וואדי סאַליב) וואָס האָט אָנגעהויבן אויפטרייסלען און שפּאַלטן די מפא"י־אישע פעסטונגען און פּאַלאַצן....

די אָנפירער וואָס האָבן זיך קעגנזייטיק געדעקט און געשטיצט האָבן ניט פאַראויסגעזען דעם אינערלעכן רעוואָלט־פּראָצעס, פון די מזרח־עדות, פּונקט ווי זיי האָבן ניט פאַראויסגעזען די יום־כיפּור מלחמה און די מעגלעכע מהומות אין די באַפרייטע געביטן אָפּהאַקנדיק די אנטוויקלונג פון די התנחלויות — ארעסטירנדיק און שטיקנדיק די עכטע אידעאַליס־טישע חלוצים אלס "טעראָריסטן" און דערלאָזנדיק די אראַבישע מערדער, דאַקעגן, זיך איינפּנ־דעווען, זיך פונאַנדערוואַקסן און זיך פאַרשפּרייטן ווי א ראַק אונטער די פליגלען פון די אייגענע נישט באַשטראָפטע עוכרי ישראל, די מאַסן פאַררעטער און פּראָ־וואָקאַטאָרן.

דער דור המייסדים האָט איבערגעלאָזט זייערע יורשים, די פּערנסעס, אבא איבענס, שרידס אלונים, און די אלע אנדערע זינדעלעך און טעכטערלעך פאַרלוירענע און פאַרווירטע נישט איבערלאָזנדיק זיי קיין אידייע און ניט קיין עפעקטיווע נאַציאָנאַלע און גייסטיקע כלים מיט דער הילף פון וועלכע זיי זאָלן זיין ראוי און מסוגל אנצופירן מיטן אידישן פאָלק און לאַנד.